(ושמרתם את משמרת הקודש)
(במדבר יח, ה)

וועד

# שומרי משמרת הקודש

שע"י קהל יטב לב ד'סאטמאר ב"ב

בפקודת הקודש של כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א
בראשות מורינו הגה"צ ראש ישיבתינו שליט"א

**לעמוד על נפשינו ועל נפש צאצאינו
מפגעי כלי הטעכנאלאגיע
הפעורה לרגלינו
ה' ירחם**

**בעזהשי"ת יום ד' לסדר בעלותך לראות את פני ה' שנת ואם אבוא אליך וברכתיך לפ"ק**

# שאי סביב עיניך וראי כלם נקבצו באו לך

בגילה וברעדה עומדין אנחנו כל הקהל הקודש פה בארעא קדישא דישראל, בערגה ובכיסופין עילאין ליום הגדול והמיוחל הבא עלינו לטובה, **"יום ג' לסדר ואש תהיה לילה בו לעיני כל בית ישראל בכל מסעיהם"** קומי אורי כי בא אורך וכבוד ה' עליך זרח, גילי מאד בת ציון הנה מלכך יבוא לך צדיק ונושע הוא, **בו יופיע בהדרתו כ"ק מרן רבינו הגאון הקדוש שליט"א לחון את פני העיר לרגל השמחה בחצרות קדשינו**, ולפרוש עלינו מסוכת שלומו לחזק ולאמץ את לבבינו לעבודתו יתברך שמו.

ולעת כזאת טרם בואכם לשלום, אמרנו נשיחה וירווח לנו, **כי הנה נודע לכל התקנות הגדולות שנקבעו כמסמרות נטועות, בכל קהלות הקודש החוסים תחת דגלו של כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א די בכל אתר ואתר, לגדור גדר בענין השתמשות בכלי דיבור הטכנלוגיים היינו כל סוגי הסעלפאן כלים מכלים שונים**, אשר באפשרותם להתקשר בהם ולגשת למבואות ולדרכים האפילות, אפילו המסוננים והמתוקנים [המסוכנים] שבהם, הן בבית מושבו, הן במקום עבודתו, ובפרט בחצרות בית ה' בבתי כנסיות ובבתי מדרשות, **וב"ה נתקבל תקנות אלו בין אנשי שלומינו פה ארעא קדישא דישראל במלא החומר כי חמירא סכנתא ואיסורא, וב"ה אין פרץ ואין יוצאת ואין צוחה, אין גם אחד שימצא בקרבו אחד מהכלים המסוכנים הללו ואפילו הכלים המאושרים ע"י פילטער רובא דרובא דקהילתינו פה באר"י, שומרים נפשם ועומדים רחוק מהם כמטחוי קשת.**

ולכן נפשינו בשאלתינו בבואכם הנה, בעידן חדותא, כאשר כל הקהל הקודש כאיש אחד בלב אחד מסתופפים בצילא דמהימנותא של כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א:

תראינו נא אות לטובה, לשמור התקנות במילואם ולא יבוא המשחית תוך בתינו, כאשר היה באמנה אתנו דבר יום ויומו,

## ולא ימצא בקרבכם מי שיוציא מאמתחתו ברבים אחד מהכלים הנקראים סמארטפאון, רק ישתמשו בסעלפאן המיועדים לדיבור גרידא בכל גבולות מחנינו וקריתינו.

כי אתה העדתה בנו לאמר הגבל את ההר וקדשתו

## טהר את העיר טבריה עשה אותה נקיה הודו לו משמיא אדונינו בר יוחאי

**שאלתינו ובקשתינו ביתר שאת וביתר עוז בימים המרוממים, עת עלה נעלה לעשות את השבת בהר מירונה בו ידרכו רגלינו על אדמת קודש ציון המצויינת של התנא האלקי רבן שמעון בר יוחאי, ביותר צריך הכתוב לזרז במקום שיש חסרו"ן כי"ס, שלא יהיה לך בכיסך אבן ואבן** (אבני נגף) **גדולה וקטנה, לא יהיה לך איפה ואיפה** (אייפאן בכל שום וחניכא דאית לי') **גדולה וקטנה, ומי שיש לו איזה סוג מהכלים הללו יזהר עד למאוד, להשאירם במרכולתו בתוך העיר, טרם צאתו לדרך, לשום לדרך פעמיו להר ה' ציון המצויינת רבי שמעון בר יוחאי זי"ע.**

ובשכר זאת תזכו לשאוב ממעיני הישועה להתברך בברכות דנפישין בשפע רב איש איש כפי משאלתו וכפי בקשתו ואמונים אשר נאספו, ברכות נכספו, גם קומתם כפפו, דבר חנונם העדיפו: הובילם לאהליהם לשלום, וימצאו שם שלום, זרע השלום, חסנם בצדק ושלום: טובות לכללם, יקר להכלילם, כבוד להנחילם, למעלה לעלם: מלא משאלותם, נהג בשמחתם, שמח עדתם, עורר פדותם: פנה לחננם, צמת מענם, קבל מענם, עדי נזכה לקבל פני מלכא משיחא ומלכינו בראשינו בב"א

ברוכים אתם לה' עושי שמים וארץ

**וועד שומרי משמרת הקודש**
**שע"י קהל יטב לב ד'סאטמאר בני ברק**

# דברי הדרכה

אשר השמיע

## כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

ליל שישי פרשת ויקהל העעל"ט
אצל דינער לטובת כולל עצי חיים באולם קאנטינענטאל

## לאנשי שלומינו הנוסעים לאת"ק במירון על שב"ק פ' פקודי הבעל"ט

**איך** האב געוואלט רעדן אן ענין דא בציבור, מיט'ן איבערשטנ'ס הילף פאר איך קיין ארץ ישראל די קומענדיגע וואך, צו א שמחה, א חתונה ביי בן אחותי הרה"ג דער ראש ישיבה פון אונזער ישיבה אין בני ברק, פארט מען זיך צו באטייליגן אין א משפחה שמחה, אויכעט מחזק צו זיין קהלתינו און די מוסדות אין ארץ ישראל, און אלע אנשי שלומינו.

### שב"ק באתרא קדישא מירון

**מען** האט באשטימט אז שבת קודש וועט מען זיין אין מירון, סמוך ונראה ביים ציון הקדוש, ביים הייליגן תנא רבן שמעון בר יוחאי, מיט א יראה עילאה גרייט מען זיך צו זיין שבת קודש, במקום קדוש אין מירון, געלויבט דעם הייליגן באשעפער מען האט נישט געמאכט קיין שום פראפאגאנדע איבער די נסיעה, עם כל זה זענען אסאך אידן נתעורר געווארן, מיט צו פארן, זיך מצטרף זיין צו די נסיעה.

### תפלה להשי"ת

**בראשית** כל, בעפאר מען פארט ארויס דארף מען מתפלל זיין צום הייליגן באשעפער, השי"ת ישמור צאתינו ובואינו, די אלע אידן וואס זיי פארן, מען זאל פארן לחיים ולשלום, און אויס'פועל'ן אלעס גוטס, און אהיים קומען לחיים ולשלום, און אלעס זאל אדורך גיין בסייעתא דשמיא על צד היותר טוב.

### בלתי לד' לבדו

**וויל** איך בעטן א פאר זאכן פאר די וואס זיי פארן – זאגן א פאר ווערטער, אונז פאר מיר צו אתרא קדישא מירון, במקום מנוחתו פון הייליגן תנא רבן שמעון בן יוחאי, מען פארט קיין מירון נישט לשם הנאה גשמי פון הבלי עולם הזה, **נאר ווייל מען וויל זיין משובתי שבת קודש, אויף א מקום קדוש, צוזאמען מיט אן עם קדוש, און מען האפט אז מען זאל שטייגן אין יראת השם, אהבת השם, מקבל זיין אויף זיך קבלת טובות, הנהגות ישרות בנוגע שמירת תורה והמצות.**

### צרכי עמך ישראל מרובים

מען האפט, מען וועט האבן די זכי' מתפלל צו זיין מיט תפלות ובקשות, געהאלפן צו ווערן אין זכות פון הייליגן תנא רבן שמעון בן יוחאי, און מעורר צו זיין אז דער תנא רבן שמעון בן יוחאי זאל מעורר רחמים שמים זיין פאר אידישע קינדער דו בכל אתר ואתר.

**צרכי** עמך ישראל מרובין, זה בכה וזה בכה, מען דארף נישט מאריך זיין, זייער אסאך אידן האבן פארקלעמטע הערצער, וואס מען ווייסט יא און וואס מען ווייסט נישט, דער רבוש"ע ווייסט. אידן דארפן ישועות אין כמה וכמה ענינים, אידן ווילן זיך אויסגיסן דאס הארץ פארן באשעפער, צובראכענע אידישע הערצער פארן בוכ"ע, און דער איבערשטער זאל העלפן יהי רצון

שיתקבלו כל התפלות, ס'זאל ארויפגיין אין הימל לרחמים ולרצון, אידן זאלן אלעס גוטס אויס'פועל'ן.

## הלוך ושוב

**מען** דארף צו וויסן, זייער אסאך פון די אידן וואס זיי פארן, פארן נאר קיין מירון מתפלל צו זיין אויפן ציון הקדוש און אנדערע צדיקים וואס זענען דארט, הלוך ושוב, פארן אהין און קומען אהיים, זיי וועלן זיך נישט אפשטעלן אין ערגעץ נישט.

## רק השמר לך ושמור נפשך מאוד

**מען** פארט קיין מירון, דורך די אקופירטע שטחים, שטחים וואס זענען אקופירט דורך די ציונים, ליידער, היינט ארץ ישראל איז אקופירט דורך די ציונים, זיי זענען די מושלים היינט דארט, זיי זענען די מורדים במלכות שמים און פורקי עול הגלות, און דאס דארף מען צו וויסן ווען מען פארט אהין.

**וויל** איך זאגן דא באזהרה ובבקשה: קיינער זאל נישט פארן אין די שטחים וואס ס'איז איינגענומען געווארן אין די מלחמה, אין יאר תשכ"ז, בשום אופן, די אלע שטחים איז אריינצוגיין אהין א געוואלדיגע סכנה, א סכנה גדולה מאוד, ס'איז איבעריג צו זאגן, מיר אלע זענען נזהר נישט צו גיין, נישט צו כותל המערבי נישט צו מערת המכפלה, און נישט צו קבר רחל, אזוי ווי ס'איז מבואר אין ספר על הגאולה ועל התמורה.

## אר"י מקודשת ביותר

**מען** דארף צו האלטן אן אויג, ארץ ישראל איז מקודשת ביותר, ארץ ישראל איז א פלטרין של מלך, יעדע פגם עבירה וואס מען טוהט חלילה אין ארץ ישראל, איז זייער הארב, סאך מער ווי אין חוץ לארץ.

## כשרות המאכלים

**מען** פארט קיין ארץ ישראל, מען דארף זייער נזהר זיין וואס ס'איז נוגע כשרות אין מאכלים, מען דארף דאהי אויך נזהר זיין, אבער מען דארט דארף מער נזהר זיין, דאהי קען מען קויפן פירות, מ'קען קויפן ירקות, זאכן וואס דארפן נישט האבן קיין השגחה, אין ארץ ישראל דארף מען וויסן, מען טאר נישט עסן א כל שהוו, און רוב רובם, ליידער, אין ארצינו הקדושה, טאר מען נישט טועם זיין, איך רעדט שוין נישט פון קיין פלייש וכדומה, נאר פשוט'ע זאכן ווי פירות און ירקות, מ'קען נישט אריינגיין אין קיין געשעפט קויפן אן עפל.

## פירות שמיטה

**ס'איז** יעצט נאך שמיטה, די פירות אין ארץ ישראל זענען פירות שמיטה, פירות און ירקות וואס איז נישט שמיטה איז טבל, ס'איז חייב תרומות ומעשרות, וואס א איד פון חוץ לארץ ווייסט נישט וויאזוי מ'באגייט זיך מיט דעם, וואס טוהט מען מיט דעם, מען טאר נישט עסן קיין טבל און מען טאר נישט עסן קיין פירות שמיטה, חוץ לארץ'דיגע אידן פארשטייען נישט אזוי, ווייל זיי זענען נישט צוגעוואוינט אזוי צו דעם, אבער דאס איז די הלכה, רוב פירות אין ארץ ישראל זענען פון שמיטה, פון היתר מכירה, וואס מען ווייסט אז אלע גדולי ישראל האבן דאס גע'אסר'ט.

## הרחק מן הכיעור – כלים הטמאים

**מען** פארט קיין ארץ ישראל, און ס'פארן סוחרים, כמו סוחרים, און מ'האט כלים וואס מען טראגט ארום מיט זיך, מען רופט דאס די "סמארטפאונס", אין חוץ לארץ איז אויך אן איסור, אבער אפילו ווער ס'האט א היתר ווייל ער דארף דאס באמת האבן פאר זיינע געשעפטן. ער פארט קיין ארץ ישראל, אויב ער מוז זיין פארבינדן אהיים געשעפטליך - איך פארשטיי אז ס'איז דא אזאנס - ווייל איך בעטן: ער האט דאס, זאל דאס זיין באתכסיא, באהאלטן, באדעקט, נישט בגלוי, נישט ארויסנעמען בגלוי ווי אנדערע זעהן, נישט יעדער איינער ווייסט אז ער איז אזא סוחר, וואס ער איז שטארק פארבינדן מיט זיינע מסחרים פון דער נאנט און פון דער ווייט, און ס'איז דא א לזות שפתיים, מען זעהט אין ארץ ישראל, מען זעהט די אמעריקאנע מיט די כלים, ס'מאכט זייער א שלעכטע נאך טעם, ס'לאזט איבער נישט קיין גוטער טעם, הרחק מן הכיעור ומן הדומה לו.

**מיט** א תפלה און א בקשה צום הייליגן באשעפער, כי מלאכיו יצוה לנו, שמרינו בדרך, דער אייבערשטער זאל צו הערן אלע תפלות וואס אידישע קינדער וועלן מתפלל זיין, אידן זאלן געהאלפן ווערן מיט ישועות און רפואות, ימלא ה' כל משאלות לבינו לטובה, מען זאל זוכה צו ביאת גואל צדק בב"א